**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/29/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איפ׳ן רעזאלוציע פון סענעקע שטרייט

״זינט דער אנהייב פון מיין אדמיניסטראציע, בין איך אנטשלאסן געווען צו לייזן דעם וויכוח און פארשאפן די געלטער שולדיג פאר סטעיט און ארטיגע רעגירונגען. די געריכטן האבן כסדר גע׳פסק׳ענט לטובת די סטעיט, אבער קיין שום באצאלונגען זענען נישט געמאכט געווארן. ביים אריינקומען אין אמט האב איך געזוכט צו פארהאנדלען מיט אויפריכטיגקייט און מיר זענען איבערגעקומען יעדער שטרויכל. עס פריידט מיך צו האבן ענדליך דערגרייכט א רעזאלוציע און די גאנצע 564 מיליאן דאלער איז שוין ערהאלטן געווארן דורך ניו יארק.

די געלטער זענען אויפגעטריבן געווארן אין מערב ניו יארק, און איך טו פאראארדענען דעם סטעיט׳ס טייל, וועלכע איז איבער 418 מיליאן דאלער, צו די נייע ׳באפעלאו בילס׳ סטאדיום. דאס וועט פארזיכערן אז די ׳בילס׳ בלייבן אין ניו יארק סטעיט און שטיצן 10,000 קאנסטרוקציע דזשאָבס. די איבעריגע געלטער וועלן גיין דירעקט צו די קאונטיס און שטעט פון מערב ניו יארק און ווערן ווידער-אינוועסטירט צו שטיצן די ארטיגע עקאנאמיע און קאמיוניטיס.

איך דאנק פרעזידענט פאגעלס און דער ׳נעישען׳ פירערשאפט פאר האלטן זייער צוזאג צו די איינוואוינער פון ניו יארק.״

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418